# פאר הילף מיט אינפארמירטע צושטימונג

COVID-19
וואקסינאציע
אפעראציע

## וואקסינאציע העלפט אייער צוגרייטן קערפער פארטיידיגונג אנטקעגן געוויסע ווירוס און באקטעריע.

## דער וואקסין וועט העלפן אייער אימין סיסטעם צו ווירקזאם באקעמפן דעם ווירוס וואס פאראורזאכט COVID-19.

## פארוואס זאל איך ווערן וואקסינירט?

- עס באשיצט אנטקעגן COVID-19 און העלפט אייך פארמיידן פון קראנק ווערן
- אפילו אויב פיל מענטשן ערהוילן זיך אן ווערן באהאנדלט, קענען טייל מענטשן שטארבן פון COVID-19 אדער ליידן פון הארץ אדער לונגען פראבלעמען אזוי ווי לונגען אנטצינדונג. דער נערוון סיסטעם קען אויך ווערן אפעקטירט

Québec.ca/vaccinCOVID

1 877 644-4545

## וואס זענען די אפטסטע סימפטאמען נאך וואקסינאציע?

וויטאג ביים איינשפריץ פלאץ

שוואכקייט, קאפווייטאג, מוסקל אדער דזשוינט ווייטאג און פיבער

דאס זענען לייכטע ביז מעסיגע סימפטאמען וואס ווערן געווענליך פארשוואונדן אין איינס ביז צוויי טעג. איר קענט נעמען מעדיצינען אזוי ווי acetaminophen אדער ibuprofen צו פארלייכטערן פיבער אדער ווייטאג.

## זענען פאראן אנדערע זעלטענערע סימפטאמען?

אלערגישע רעאקציעס זענען זעלטן און אויב דאס פאסירט, ערשיינט דאס געווענליך אינערהאלב מינוטן נאך וואקסינאציע וועג דער וואס האט עס באקומען איז נאך אלס אונטער אויפזיכט און וועט דערפאר זאפארט באהאנדלט ווערן.

אין פארלויף פון די קומענדיגע מאנאטן, אזוי לאנג ווי א גרויסע מערהייט פונעם באפעלקערונג איז נאך נישט וואקסינירט, וועט COVID-19 פארבלייבן.

## לאמיר זיך ווייטער באשיצן!

האלט אן א ווייטקייט (מעטער 2)

פארדעקט אייער געזיכט

הוסט אריין אין אייער ארבל

וואשט אייערע הענט

20-279-23WFA

Votre gouvernement

Québec